# האט איר א דיסאביליטי?

### דארפט איר הילף מיטן זיך איינגעבן פאר א שעלטער אדער באקומען צוטריט צו שעלטער לאקאציעס?

מיר קענען אייך געבן געוויסע סארטן הילף צו מאכן לייכטער פאר אייך צו באקומען צוטריט צו די סערוויסעס וואס איר דארפט. די סארט הילף הייסט א פארשטענדליכע אקאמאדאציע. איר האט א רעכט צו פארלאנגען די סארט הילף.

עטליכע ביישפילן פון אומשטענדן וואס קענען מאכן שווער פאר אייך צו באקומען צוטריט צו די סערוויסעס וואס איר דארפט זענען:

- זען, רעדן אדער הערן באגרעניצונגען
- באוועגונג באגרעניצונגען (באגרעניצונגען וואס מאכן עס שווער זיך צו ארומדרייען)
- קאגניטיווע באגרעניצונגען (באגרעניצונגען וואס מאכן שווער צו פארשטיין פארמס אדער געדענקען אפוינטמענטס)
- גייסטישע געזונטהייט אומשטענדן אזויווי ענקזייעטי, דעפרעסיע, בייפאלער דיסארדער אדער סקיצאפרעניא

### וויאזוי קען איך בעטן א פארשטענדליכע אקאמאדאציע?

- איר קענט בעטן הילף צוליב א דיסאביליטי פון שטאב ביי סיי וועלכע אינטעיק, אפשאצונג, אדער שעלטער לאקאציע.
- איר קענט אויספילן די פארשטענדליכע אקאמאדאציע פארלאנג בויגן (**DHS-13**).
- א אויב איר דארפט א פארם מיט גרויסע אותיות אדער אין אן אנדערע שפראך, קען איר גיין אויף די וועבזייטל פון דעפּאַרטמענט פון סערוויסעס פאַר מענטשן אָן היים (Department of Homeless Services, DHS) אדער בעטן הילף פון א DHS אדער שעלטער שטאב מיטגליד.
- איר קענט באקומען די פארמס אנליין: https://www1.nyc.gov/site/dhs/about/applicants-and-clients-with-disabilities.page אדער בעטן א שטאב מיטגליד פאר די פארמס.
- איר דארפט נישט אויספילן די פארמס כדי צו בעטן א פארשטענדליכע אקאמאדאציע. שטאב קען אויספילן די פארם פאר אייך.

### וואו קען איך אריינגעבן א פארשטענדליכע אקאמאדאציע פארלאנג (RAR) פארם אדער א שריפטליכע פארלאנג פאר אן אקאמאדאציע?

- געבט אייער אויסגעפילטע פארלאנג פארם אדער שריפטליכע פארלאנג צו DHS אדער שעלטער שטאב.
- בעט א קאפיע פון אייער אויסגעפילטע פארלאנג אדער א רעסיט.
- שרייבט אראפ די דאטום וואס איר האט געגעבן די פארלאנג צו DHS אדער שעלטער שטאב און די נאמען פון די מענטש צו וועמען איר האט עס געגעבן אויף אייער קאפיע.
- איר דארפט אונז נישט געבן באווייז פון אייער אומשטאנד אדער באגרעניצונג ווען איר געבט אריין די פארלאנג. מיר קענען אייך שפעטער בעטן אונז צו געבן געוויסע דאקומענטן אדער נאך אינפארמאציע וואס איז פארבינדן צו אייער פארלאנג.

### וואס זאל איך טוען אויב איך דארף הילף מיטן אויספילן די פארמס?

- איר קענט בעטן DHS שטאב, שעלטער שטאב אדער איינער וואס איר קענט פאר הילף מיטן אויספילן די פארמס.

### וויאזוי וועל איך אויסגעפונען אויב מיין פארלאנג איז געווארן באשטעטיגט?

- מיר וועלן אייך געבן א מעלדונג און אייך לאזן וויסן וועגן אונזער באשלוס.

### וואס זאל איך טוען אויב איך האב פראגעס וועגן מיין פארלאנג אדער אנדערע באגרעניצונג-פארבינדענע געברויכן?

- איר קענט רעדן מיט אייער שעלטער דירעקטאר אדער קעיס מענעדזשער אויב איר האט פראגעס.
- איר קענט זיך אויך פארבינדן מיט די אפיס פון באגרעניצונג אנגעלעגנהייטן אויף DisabilityAffairs@dss.nyc.gov

# אנטי-דיסקרימינאציע פאליסי

### וואס זאל איך טוען אויב איך שפיר אז מען האט מיר באהאנדלט אומ'יושר'דיג צוליב מיין באגרעניצונג?

- אויב איר האלט אז DHS האט צוריקגעהאלטן סערוויס אדער דיסקרימינירט קעגן אייך אדער איינער אין אייער פאמיליע צוליב א באגרעניצונג, קענט איר זיך פארבינדן מיט:

Office of Disability Affairs
150 Greenwich Street, 42nd Floor
New York, NY 10007
פאקס: (917) 639-0442
וועבזייטל: disabilityaffairs@dss.nyc.gov

איר קענט זיך אויך פארבינדן מיט דעם איינציקן DSS נומער אויף **(718) 557-1399**.

אין צוגאב, קענט איר זיך אויך פארבינדן מיט די אפיס פון די אמבודסמאן אויף **(800) 994-6494** אדער באזוכן די אפיס פערזענליך ביי 109 East 16th Street, מאנטאג – פרייטאג פון 9:00 צופרי – 4:00 נאכמיטאג.

### וועלכע אינפארמאציע זאל איך ארייננעבן אויב איך מאך א קלאגע?

- אייער נאמען, פאסט אדרעס, טעלעפאן נומער אדער אימעיל אדרעס.
- א שילדערונג פון וואס איז געשען, וואו עס איז געשען און ווען עס איז געשען.
- די נעמען און טיטלען פון די שטאב וואס זענען געווען פארמישט, אויב איר האט עס.
- די DHS שעלטער אדער ארט, פראגראם אדער סערוויס פארמישט.

DHS איז פארפליכטעט צו פארזיכערן באדייטנדע צוטריט צו פראגראמען און סערוויסעס פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען אין איינקלאנג מיט די אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס אקט (ADA) פון 1990 און אנדערע געזעצן.

קאפירייט 2019, די סיטי פון ניו יארק, דעפארטמענט פון היימלאזע סערוויסעס/דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס
פאר ערלויבעניש צו איבערמאכן די גאנצע אדער טייל פון די מאטריאל פארבינדט זיך מיט די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון היימלאזע סערוויסעס.